NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13321

TELEFON UN TELEGRAF

Inzh Yeramitsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּיאָנער, זיי גרייט

אַרעש פּראַנאָק

טעלעפאָן און טעלעגראַף



№ 3 (29)

אוקר מעלוכע נאַצמינ פאַרלאַג

אינזש. יעראמיצקי

טעלעפאָן און טעלעגראַף

№ 3 (24)

ביבליאָטעק „זײַ גרייט“

אוקרמעלוכע־נאצמינדפארלאג

Бібліографічний опис
цього видання вміщено в
„Літописі Україн. Друку",
„Картковому репертуарі"
та інших покажчиках
Українськ. Книжк. Палати

אר. פ. ק. פ. ט
[illegible]טע רעפובל. קאנטע פאבריק,
כארקאוו, טשערוואני ריאדי 25 .א

באפולמעכטיקט פונ הויפטליט [illegible]
באלט. [illegible] טיראזש [illegible]
[illegible]

פאפיר [illegible]
[illegible] דרוק בויגנ, [illegible] דרוק-צייכנס,
אפגעגעבנ אינ זאצ [illegible]
אונטערגעשריבנ צום דרוק [illegible]

פאראנטווארטלעכער רעדאקטער
ב. רוזינ
טעכאנסייער א. פראבאווניק
קארעקטער ל. הייזער

ווי אזוי איז געשאפנ געוואָרנ דער טעלעפאָנ

פאַרשפּעטיקט אפּ צוויי שאָ

ס'איז געווענ אינ א כמארנעם פעווראל־טאָג פונ 1875-טנ יאָר. אינ אמעריקאנער ביוראָ פאר דערפינדונ־גענ איז אריינגעקומענ א באזוכער. ער האָט דערלאנגט דעם באאמטנ א בויגנ פּאפּיר מיט צייכענונגענ אונ דערקלערונגענ, אונ געבעטנ צו רעגיסטרירנ זיינס א דערפינדונג.

דעם באזוכערס פּאָנעם האָט געשיינט פאר פרייד. מיט א ציטערדיקער שטימ פאר אופרעגונג האָט ער דערקלערט דעם באאמטנ:

— דאָס איז א דערפינדונג פונ אנ אפּאראט צו ריידנ אפּ א ווייטער שטרעקע. אפּ אָט דער דערפינדונג האָב איכ געארבעט פיל יאָרנ.

דער באאמטער האָט אימ גלייכגילטיק געענטפערט:

— מיסטער גריי! איר האָט מיט אייער מעלדונג פארשפּעטיקט. מיט צוויי שאָ צוריק איז דאָ געווענ מיס־

טער בעל און ער האָט באַקומען אַ פּאַטענט פּונקט אַף אַזאַ מין אַפּאַראַט. די ביוראָ פאַר דערפינדונגען האַלט אַלס דערפינדער דעם מיסטער בעל. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַטענט מיט צוויי שעה צוריק.

באַם באַזוכער האָבן זיך געביטן די קאָלירן אַפן פּנים, ס'איז אים אַרויס אַ שווייס אַפן שטערן. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פאַרן באַריער, קעדיי ער זאָל ניט אומפאַלן.

דער באַאַמטער האָט זיך ווײַטער גלײַכגילטיק געטאָן זײַן אַרבעט און ניט געלייגט קײַן אַכט אַפן באַזוכער. דער באַזוכער איז אַן אײַנגעבויגענער אַרויס פון ביוראָ. פּלוצים האָט ער זיך אויסגעגלײַכט און אַרויסגערעדט צווישן די ציין: — —

— אָ, בעל, וועסט מיך האָבן צו געדענקען... דאָס זאָגט דיר גריי, וועלכער וואַרפט זיך קיינמאָל ניט מיט קײַן ווערטער.

אַ טעלעפאָן נאָך מיט טויזנט יאָר צוריק

אַלעקסאַנדער גראַכעם בעל האָט אומשטערבלעך געמאַכט זײַן נאָמען מיט דער דערפינדונג פון טעלעפאָן, אָבער די דראָזיקע דערפינדונג איז שוין צוגעגרייט געוואָרן דורך פיל מענטשן נאָך פאַר בעלן.

די אידייע צו ריידנ אפ א מעהאלעכ איז שוינ אינדערמיט 9,־טנ יאָרהונז׳ערט געווענ רייפ. דאָס חירטשאפטלעכע אונ פאָליטישע לעבנ האָט געהאלטנ אינ איינ וואקסנ אונ געשטויסנ פאָרויס די דערפינדערס, געוועקט די אידייע פונ טעלעפאָנ. צווישנ אָט די דערפינדערס זיינענ געווענ דער דייטש רייס, דער פראנצויז בורסעל, דער אמעריקאנער בעל אונ נאָכ אנדערע — א גאנצער אינטערנאציאָנאל פונ דערפינדערס.

אנ אָנדייטש אפ א טעלעפאָנ איז שוינ געווענ נאָכ ביז בעלנ. דאָס זיינענ געווענ רייד־טרויבנ אונ שנור־טעלעפאָנענ. דער ערשטער האָט אזא טעלעפאָנ דערפונדנ דער כינעזער קונג־פו־ווינג מיט העכער טויזנט יאָר צוריק. רייד־טרויבנ פלעגט מענ אָפט קאָנענ זעענ אונ הערנ אינ די גרויסע קאָנטאָרנ.

פאר די טויזנט יאָר, וואָס עס האָבנ עקזיסטירט די דאָזיקע ניט עלעקטרישע טעלעפאָנענ, האָט מענ זיכ אויסגעלערנט איבערצוגעבנ שמועסנ אפ 5־6 קילאָמעטער. בעלס טעלעפאָנ האָט באוויזנ אזוי זיכ צו אנטוויקלענ, אז ער קאָנ איבערגעבנ שמועסנ אפ א מעהאלעכ פונ טויזנטער קילאָמעטער.

דעם ערשטנ אפאראט, וואָס האָט איבערגעגעבנ קלאנגענ אפ אנ עלעקטרישנ אופנ, האָט דערפונדנ פיליפ רייס. פיליפס עלטערנ זיינענ געווענ בעקערס. פיליפ איז יונג פארבליבנ א יאָסעם אונ אליינ זיכ דורכגע־

שלאָגנ א וועג אינ לעבנ. פונ קינדווייז אָנ האָט ער ארויסגעוויזנ א גרויסנ אינטערעס צו וויס.שאפט אונ טעכניק, אונ ווענ ער איז נאָר געווענ פרײַ פונ דער ארבעט, פלעגט ער זיכ פלײַסיק לערנענ אונ לייענענ.

צווישנ קאבינעט אונ גאָרטנ

דעמ ערשטנ טעלעפאָנ האָט רײַס דורכגעפירט צווישנ קאָרידאָר אונ איינעמ פונ זײַנע צימערנ. דער ערשטער אפאראט האָט גערוישט, געקנאקט אונ געהורעט, נאָר קײַנ מענטשלעכנ שטימ האָט מענ נימ געהערט.

נאָכ לאנגע אָנשטרענגונגענ האָט רײַס דערהערט גאנצ דײַטלעכע קלאנגענ. איצט האָט דער טעלעפאָנ שוינ פאראייניקט א „גוואלדיקנ" מעהאלעכ: צווישנ זײַנ צימער אונ א פרוכט-בוימ אינ גאָרטנ.

רײַס האָט פארשטאנענ, אז זײַנ אפאראט קאָנ אי-בערגעבנ דעמ מענטשנס רייד אפ א גרויסער שטרעקע. ער האָט מיט גרויס כיישעק ווײַטער געארבעט. עס זײַ-נענ דורכגעגאנגענ נײַנ לאנגע יאָרנ ביז רײַס האָט גע-קאָנט עפנטלעכ ארויסטרעטנ מיט זײַנ דערפינדונג.

זײַנ ערשטנ פאָרטראג אינ דער פראנקפורטער פיזי-קער-געזעלשאפט האָט רײַס אילוסטרירט מיטנ לעצטנ מאָדעל פונ זײַנ אפאראט, וועלכנ ער האָט אָנגערופנ מיטנ

נאָמען „טעלעפאָן". דאָס באַדײַט אַף גריכיש: „אַן אַפּאַ־ראַט איבערצוגעבן קלאַנגען אַף אַ מעהאַלעך".

איבערגעבן דעם מענטשנס רייד דורך עלעקטרע איז פאַר דער מערהייט מענטשן געווען אַן אומגלויבלעכע זאַך. און ווען די פּאַריזשער אַקאַדעמיקערס האָבן דער־הערט זײַן פאָרשלאַג וועגן טעלעפאָן, האָבן זיי, ניט געקוקט אַף זייער געלערנטקײַט, דערקלערט:

— איבערגעבן אַף אַ מעהאַלעך דעם מענטשנס שטים דורך עלעקטרע — דאָס איז אַן אומגלייבלעכע זאַך!

רײַס דערשטוינטסטע צוהערער האָבן זיך אָבער איבער־צײַגט, אַז דאָס איז ניט קיין אויסגעטראַכטע זאַך. רײַס האָט זיי איבערגעגעבן דורכן טעלעפאָן אַ ליד, וואָס עמעץ האָט געזונגען פאַר הונדערט מעטער.

רײַס איז בײַ זײַן לעבן ניט אָפּגעשאַצט און ניט אָנערקענט געוואָרן. אין דײַטשלאַנד, אין רײַס היימאַט, איז זײַן דערפינדונג אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. דער־פאַר האָבן אָבער די פיזיקער און פיזיאָלאָגן אין אַמע־ריקע פלײַסיק אָנגעהויבן צו דערלערנען די אידייען, וואָס זײַנען געלייגט געוואָרן אין גרונט פון זײַן טעלע־פאָן, און איינער פון זיי איז געווען טאַקע פּראָפעסאָר בעל.

מע דאַרף דאָ דערמאָנען נאָך איינעם בעלס אַ פאָר־גייער. אין 1854־טן יאָר האָט דער פראַנצויז בורסעל גאַנץ קלאָר זיך פאָרגעשטעלט די אײַנריכטונג פון טע־

לעפאָן. אין יענער צײַט איז נאָך קײנעם ניט געהאַט אײַנגעפאַלן אזא געדאנק, און בורסעל דערשטוינט פאַ־ שעט מיט זײַן װײַטן קוק, װאָס עס פארמאָגן אלע הויכבאגאבטע מענטשן.

צי קאָן מען רײדן פון װין קײַן פאריזש?

„צי קאָן מען רײדן אין װין און מע זאָל דערהערן אין פאריזש?“ — האָט בורסעל דעמלט געשטעלט א פראגע און טאקע גלײַך דערויף געגעבן אן ענטפער.

„דאָס קאָן מען דורכפירן אין דער פראקטיק אפ אזא אויפן: די קלאנגען, װי באװוּסט, בילדן זיך אויס דורך װאקלונגען אין דער לופט. די דאָזיקע װאקלונגען װערן איבערגעגעבן דורך דעם צװישנשיכט (לופט, װא־ סער, און אזוי װײַטער) און װערן אופגעכאפט דורכן אויער“...

...„לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז מיר רײדן נעבן א באװעגלעכער פלאסטינקע, װעלכע איז גענוג בויגיק, כדי צו רעאגירן אפ יעטװידער װאקלונג, װאָס עס פארורזאכט אונדזער שטים. לאָמיר זיך װײַטער פאָר־ שטעלן, אז די דאָזיקע פלאסטינקע פרעסט אײַן און לאָזט צוריק אָפ דעם שטראָם פון דער גאלװאנישער באטארייע. קלאָר, אז מיר קאָנען אױעקשטעלן אפ א מעהאלעך א צװײטע פלאסטינקע, װאָס װעט אין דערזעלבער צײַט

מאכנ דיזעלבע וואקלונגענ. מע דארפ נאָר צוגעבנ, אז בורסעלס בויגיקע פּלאסטינקע, דאָס איז טאקע די בלעכענע טעמבראנע, וואָס אינ אונדזערע טעלעפאָנענ.

די לאבאָראטאָריע אינ קעלער

אלעקסאנדער בעל האָט פונ קינדווייז אָנ געהאט א שטארקע נייגונג צו דערפינדונגענ, באזונדערס אינ געביט פונ קלאנגענ. דאָס איז געווענ ניט צופעליק. אינ זײַנ פאמיליע זײַנענ געווענ גוטע דעקלאמאטערס, אונ דער פאָטער זײַנער האָט געהאט דערפונדנ א נײַ מיטל צו לערנענ טויבשטומע ריידנ.

אלעקסאנדער בעל האָט קינדווײַז נאָכ אינאיינעמ מיט זײַנ ברודער געמײַסטערעוועט פארשיידענע ריידנדיקע מאַשינעס. איינע פונ זיי האָט אפילע אויסגערעדט דאָס וואָרט „מאמע“. שפּעטער, צו 20 יאָר האָט בעל אָנגעהויבנ צו טרוימענ וועגנ מאכנ א מוזיקאלישנ עלעקטרישנ טעלעגראפ. אימ האָט געעקפּערט דער געדאנק, ווי אזוי מיט דער הילפ פונ עלעקטרישנ ~~שטראָמ אי-~~ בערצוגעבנ דורכ דראָט פארשיידענע קלאנגענ.

א לאנגע צײַט האָט בעל געארבעט איבער אָט דעמ אײַנפאל. באטאָג איז ער געווענ פארנומענ אלס לערער אינ שול פאר טויבשטומע אונ באנאכט פלעגט ער פארברענגענ אינ א קעלער, וואָס ער האָט ספּעציעל צוגע-

פֿאַסט פֿאַר א וואַרשטאַט. בעל האָט דעמלט געוווינט אין הויז פֿון איינעם סאנדערס, א פֿאָטער פֿון זײַנעם א טויבשטומען שילער.

דער אומגליקלעכער סאנדערס

אין גאנצן הויז האָט שוין לאנג געהערשט א שטיל־קייט... בלויז פֿונעם קעלער פֿלעגט זיך דערטראָגן א גערויש און א קלאַפּעריי. דאָס האָט דאָרט בעל גע־מייסטרעוועט.

זינט בעל האָט זיך אַרײַנגעקליבן צו סאנדערסן, איז קעסיידער א טומל און מע קאָן קיינמאָל ניט אײַנשלאָפֿן. אָבער וואָס קאָן ער טאָן? ער טרייסט זיך:

— בעל וועט דאָך מאכן, אז מײַן קינד זאָל צוריק אָנהייבן ריידן.

פֿאַרטאָג, סאנדערס איז קוים אײַנגעשלאָפֿן. פּלוצים דערפֿילט ער, ווי עמעצ טרייסלט אים פֿאַר דער האנט. אהא, בעל רופֿט אים שוין. ער כאַפּט זיך אויף, טוט זיך גיך אָן און לאָזט זיך גיין מיט בעלן אין קעלער.

— איר שטייט דאָ באַם אַפּאַראַט, —קאמאנדעוועט בעל, — און איך וועל צולויפֿן דאָ ניט ווײַט.

א פֿאַרשלאָפֿענער הערט זיך סאנדערס צו צו די סיגנאַלן, וואָס בעל גיט איבער דורך דראָט. פּלוצים רײַסט זיך בעל אַרײַן אין קעלער ווי א שטורעם־ווינט:

— נו, וואָס, מע הערט בעסער? — שרייט ער נאָך אמאָל שוועל.

— בעסער — ענטפערט סאנדערט מיט א פארשלאָפע־נער שטים.

— אורא! — שרייט בעל, — איך האָב אָבער גע־וווסט, אז מע וועט איצט הערן בעסער — און ער שלעפט פאר פרייד סאנדערסן טאנצן.

בעל האָט אָנגעהויבן גרינטלעך דערלערנען די טע־טיקייט פונעם טעלעפאָן און פרובירט ...

לאַנגע יאָרן האָט בעל געפירט אַזא ארבעט. די שכיי־נים פלעגן פון אים כויזעק מאכן און אז זיי פלעגן אים באגעגענען, פלעגן זיי אָפּ אים טייטן מיט די פינגער:

— אָט גייט ער, דער פאנטאזיאָר, וואָס וויל ריידן דורך א דראָט...

פיל מענטשן פלעגן אים אויסמיידן, ווי א משוגע־נעם. אנדערע פלעגן אים אייצעס געבן, אז ער זאָל זיך גיין היילן צו א דאָקטער...

דער גליקלעכער טאָג

בעל האָט פארלאָזט אַלע אַרבעטן און זיך אָפּגעגעבן בלויז צו זיין דערפינדונג. ער האָט געארבעט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג. און אָט איז געקומען דער לאַנג־דערוואַרטעטער טאָג. בעלס געהילף, וואַטסאָן, האָט דייט־לעך געהערט דורכן אפאראט בעלס ווערטער:

— אויב איר הערט מיך, וואטסאָן, טאָ גייט צו צום פענצטער און פאָכעט צו מיר מיטן הוט.

וואטסאָן איז צוגעגאנגען צום פענצטער און אָנגע־הויבן פאָכען מיטן הוט. בעל האָט פארשטאנען, אז ס'איז אָנגעקומען דער גליקלעכסטער טאָג אין זיין לעבן.

אלזאָ, דער ערשטער שמועס דורכן טעלעפאָן איז שוין פאָרגעקומען. בעל האָט נאָך אָבער געהאט אויס־צושטיין א שווערן קאמף, אז מע זאָל זיין אפאראט אנערקענען.

דער טעלעפאָן רעדט, וועגן טעלעפאָן גופא שווייגט מען

אין 1876־טן יאָר איז אין פילאדעלפיע פאָרגעקומען א צווישנפעלקערלעכע אויסשטעלונג. בעל האָט באשלאָסן דאָרט אויסשטעלן זיין טעלעפאָן. ער האָט זיך אָבער שרעקלעך געניטיקט אין געלט און אפילע ניט געהאט אף קיין בילעט. אָן א בילעט האָט ער זיך אריינגע־כאפט אין צוג און געקומען אף דער אויסשטעלונג. זיין אפאראט האָט מען פארשטופט ערגעץ אין א ווינקל. וואטסאָן איז א גאנצן טאָג געשטאנען און חי א בעס־לער אריינגעזונגען לידלעך אין אפאראט, קעדיי צוציען אופמערקזאמקייט צו דער דערפינדונג. קיינער האָט אָבער ניט ארויסגעוויזן צים טעלעפאָן קיין באזונדערן אינ־טערעס.

— ס'איז אַ משיקאַווע שפּילעכל, — פּלעגן זאָגן די באַזוכער.

נאָר אָט דערנענטערן זיך צום אַפּאַראַט די געלע־רנטע עקספּערטן פון דער אויסשטעלונג. פון זיי איז אָפּהענגיק דער גורל פון זיין דערפינדונג און פון אים אַליין. די עקספּערטן זיינען שוין מיד, הונגעריק, זיי ווילן שוין וואָס גיכער אַהיים גיין, און דער עלטסטער עקספּערט וואַרפט אַ גלייכגילטיקן בליק אויפן טעלעפאָן און זאָגט:

— דערדאָזיקער אַפּאַראַט איז ניט מער ווי אַ שפּי־לעכל... און ניט קיין שלעכט שפּילעכל...

בעל וועדט בלייך, ער האַלט זיך אָן בא דער וואַנט, כּדי ער זאָל ניט אומפאַלן.

דער קעניג האָט זיך דערשראָקן

מיטאַמאָל בייגן אַלע עקספּערטן איינ די קעפּ מיט גרויס דרעכערעץ. צום אַפּאַראַט קומט צו אַ מענטש אין אַ גאָלד־אויסגענייטן מונדיר, ער גייט שטאָלץ, בלאָזט זיך, ווי אַ פּאַווע מיט אַ צעלאָזטן עק. דאָס איז געווען דער בראַזילישער קעניג. פּלוצים בלייבט דער קעניג שטיין מיט אויסגעשטאָרטשעטע אויגן און מיט ציטערדיקע ליפּן. זיי הערן, ווי דער קעניג מורמלט דער־שראָקן:

— ער רעדט... אנ אפאראט רעדט?..

דער עלטסטער עקספערט לויפט גלייכ צו. ער זעט, אז דער אפאראט האט איבערגעשראקנ אונ פארינטע־רעסירט דעמ קעניג, אונ ער הייבט אנ גיכ מאלנ, ווי א מיל:

— זאל אייער מייעסטעט ווענדנ זייער אויפמערקזאמ־קייט עפנ אפאראט... דאס איז א גרויסע דערפינדונג... גאר א גרויסע דערפינדונג...

דער קעניג האט זיכ אביסל בארויקט. ער האט זיכ צוריק שטאלצ אויסגעגלייכט, ווי א פאווע מיט א צעלאזטנ עק. דער קעניג איז צופרידנ, ער לאכט פריי־לעכ פונ די לידלעכ, וואס וואטסאנ זינגט דורכנ אפא־ראט. דער עקספערט איז גלייכ צוגעלאפנ צו בעלנ, אימ געדריקט די האנט -אונ פייערלעכ אויסגערופנ:

— איכ האב גלייכ אפגעשאצט מיסטער בעלס דער־פינדונג... איי, וואס פאר א מעכטיקע דערפינדונג... ריידנ אפ א מעהאלעכ...

יוזס „שטילריידער"

אינ בעלס טעלעפאנ האבנ די קלאנגענ פונ מענטשנס שטימ אויסגעפילט די גאנצע ארבעט אפ איבערצוגעבנ די ווערטער. די קלאנגענ האבנ געוואקלט די מעמברא־נע. די ענערגיע פונ דער קלאנגענ־כוואליע איז אריבער־געגאנגענ אינ עלעקטרישער ענערגיע — אינ די שטראָ־

מען, וואָס האָבן זיך באַוועגט איבער די דראָטן. די פארוואנדלונג, ווידער, פון עלעקטרישער ענערגיע אין קלאנגען, איז פאָרגעקומען אפן כעזשבן פון דער ענער־גיע פונעם מענטשן, וואָס האָט גערעדט אין אפאראַט.

קלאָר, אז די קלאנגען־ענערגיע איז אפילע אין אָנ־הייב געווען א שוואכע און דערצו, בא די אלע פאר־וואנדלונגען פון דער ענערגיע, איז זי ביסלעכווייז פאר־שוואונדן, און א שמועס אף א ביסל א גרעסערער שטרעקע — ווייטער פון 200 מעטער — האָט מען שוין ווייער שלעכט געהערט. אף גרויסע שטרעקעס האָט מען שוין אינגאנצן נים געהערט. די שטראָמען, וואָס ווערן נאָך דערצו אָפגעשוואכט דורכן ווידערשטאנד פון דער ליניע, זיינען געווען אזעלכע קליינע, אז זיי פלעגן אי־בערגעבן בלויז אָפגעריסענע ווערטער, ענע ווערטער, וואָס זיינען באשטאנען פון שטארקערע קלאנגען.

דעם אמעריקאנער דערפינדער יוז איז איינגעפאלן א גליקלעכער געדאנק:

צום רייד־שטראָם דארף מען צוגעבן נאָך א באהילפ־שטראָם, דעמלט וועט מען הערן אף א ווייטן מעהאלעך.

און יוז האָט טאקע דערפונדן אזא אפאראט. ער האָט זיין אפאראט אָנגערופן מיטן נאָמען „מיקראָפאָן", דאָס איז דער טייטש „שטילרייזער"; דערמיט האָט יוז אונ־טערגעשטראָכן, אז דער אפאראט איז אימשטאנד הויב און דייטלעך איבערצוגעבן די שטילסטע קלאנגען.

אין יוזס אפאראט ווערט צום ערשטן געלאָזט איי־בערן דראָט דער עלעקטרישער שטראָם און ערשט דער־נאָך ווערט ארויסגערופן די וואקלונג פון אָט דעם שטראָם.

פון 1881־טן יאָר אָן איז יוזס דערפינדונג — דער מיקראָ־פאָן — געוואָרן דער איבערגעבער פון קלאַנגען, און דער טעלעפאָן איז געבליבן בלויז דער . ופנעמער פון קלאַנגען.

א צווייטער גרויסער אמעריקאנער דערפינדער עדי־סאָן האָט צוגעטראכט א מיקראָפאָן, אפ וועלכן מע האָט געקאָנט ריידן פון א פיל ווייטערער שטרעקע, ווי פריער. מע דארף זאָגן, אז ביז יוזן און עדיסאָנען האָט בעלס דערפינדונג ניט געהאט קיין גרויסן פראקטישן ווערט. ערשט עדיסאָן און יוז האָבן דעם טעלעפאָן געמאכט פאר אזא פראקטישער דערפינדונג, ווי ער איז אין איצ־טיקער צייט.

עדיסאָן האָט לאנגע יאָרן געארבעט אפ צו פארפול־קומען דעם טעלעפאָן.

אלע ווייסט איר, אז מע גייט צו צום טעלעפאָן, קאָן מען נאָך ניט ריידן. פריער דארף מען ארויסרופן דעם, מיט וועמען מע וויל ריידן. אמאָל פלעג מען ארויסרופן דורך א פייף, וואָס פלעגט איבערגעגעבן ווערן דורך די דראָטן, שפעטער — דורך אן עלעקטריש גלעקל. דאָס גלעקל פלעגט געבראכט ווערן אין באוועגונג דורך דרייען דאָס הענטל פון אינדוקטער — אזא קליין עלעקטריש מאשינקעלע. נאָך שפעטער האָבן זיך באוויזן עלעקטרישע לעמפעלעך, וואָס

צינדן זיך אָן אַז דער סטאנציע, וועלכע פארבינדט שוין די אבאָנענטן, וואָס ווילן צווישן זיך ריידן.

די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פונעם טעלעפאָן

איצט זײַנען מיר שוין צוגעוווינט, אַז מע קאָן ריידן דורכן טעלעפאָן, ווי אזוי מע וויל, שטייענדיק, זיצנדיק און אפילו ליגנדיק אין בעט, ווײַל דאָס טעלעפאָן־טרײַבל איז א מיקראָטעלעפאָניש טרײַבל, דאָס הייסט, אזא מין טרײַבל, וואָס מע קאָן דורך דעם איינציקן אי ריידן צו יענעם, אי הערן, וואָס יענער רעדט. פריער פלעגט אָבער דער טעלעפאָן און דער מיקראָפאָן זײַן אָפגעזונדערט. דער טעלעפאָן איז געהאנגען אף א האקן און מע האָט אים געקאָנט אראָפנעמען. דער מיקראָפאָן, אָבער, איז געווען צוגעפעסטיקט אויבן צום אפאראט, אזוי, אז ריידן האָט געקאָנט בלויז א דערוואקסענער מענטש. טאָמער א נידעריקער מענטש, צי א יונגטלעכער, האָט ער ניט געקאָנט דערלאנגען צום טעלעפאָן. דער פראנצויזישער דערפינדער מערקאליע האָט פאראייניקט דעם טעלעפאָן מיטן מיקראָפאָן אין איין טרײַבל. דאָס איז פאָרגעקומען אין 1885־טן יאָר.

אמאָל האָבן זיך די באטארייעס געפונען אין אפאראט. דעריבער זײַנען די אפאראטן געווען גוואלדיק גרויסע. די באטארייעס פלעגן אָפט קאַליע ווערן און

ס'איז געווען אן ארבעט מיטן בייטן די באטארייעס. איצט זיינען זיי פארביטן געוואָרן מיט איין באטארייע, וואָס געפינט זיך אף דער טעלעפאָן־סטאנציע.

דאָס זעלבע — מיטן ארויסרופן דורכן טעלעפאָן. פריער האָט יעדער טעלעפאָן געהאט אן אינדוקטער־מאשינקע. איצט האָט מען אף דער טעלעפאָן־סטאנציע אוועקגע־שטעלט איין דינאמאָ־מאשין. זי איז אזוי פארייניקט מיט די אפאראטן, אז ווען דער אבאָנענט נעמט נאָר אראָפ דאָס טרייבל, שיקט ער שוין דערמיט אן ארויסרוף דער סטאנציע, און מע דארף ניט צוליב דעם דרייען מיט א הענט", ווי פריער.

אמאָל האָט מען ניט געקאָנט זיצן בא זיך אין שטוב און צונויפרעדן זיך דורכן טעלעפאָן מיט וועמען מע וויל. דערצו האָט מען געדארפט גיין אף דער טעלעפאָן־סטאנציע. די ערשטע צענטראלע טעלעפאָן־סטאנציע איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין 1877־טן יאָר אין בער־לין. אין א יאָר ארום האָט בעל איינגעאָרדנט אין אמעריקע א טעלעפאָן־סטאנציע, ווו מע האָט געקאָנט רעדן מיט די טעלעפאָן־אבאָנענטן אין שטוב. די דאָזיקע סטאנציע האָט אין אָנהויב געהאט גאנצע... 8 אבאָנענטן.

די צענטראלע טעלעפאָן־סטאנציעס, אז איין אבאָנענט זאָל קאָנען רעדן מיט צווייטן זיצנדיק בא זיך אין שטוב, האָט געשאפן דער אמעריקאנער סקרייבנער. ניט אזוי גרינג איז אים אָנגעקומען אָט די דערפינדונג. אף דער דערפינדונג פון אָט דער טעלעפאָן־סטאנציע האָט בעל 900

מאָל אַרויסגענומען אין דערפינדונג־ביוראָ פּאַטענטן, דאָס הייסט, אַז זיינע דערפינדונגען האָט ער איבערגעאַרבעט 900 מאָל און יעדעס מאָל איינגעטראָגן ענדערונגען און אויסבעסערונגען.

די טעכניק איז נאָך אָבער געגאַנגען פיל ווייטער, אַז מע זאָל אײַנזאַצן ניט דאַרפן אָנקומען צו קיינע טעלעפאָניסטקעס אַף דער טעלעפאָן־סטאַנציע. דאָס איז די אַזוי — די אויטאָמאַטישע טעלעפאָן־סטאַנציע. דעם־דאָזיקן געדאַנק איז איינגעפאַלן דעם אַמעריקאַנער דערפינדער סטראָודושער.

די ערשטע אויטאָמאַטישע סטאַנציע איז געעפנט געוואָרן אין 1892 יאָר אין אַמעריקע.

אין די צענטראַלע טעלעפאָן־סטאַנציעס אין די גרויסע שטעט אַרבעטן הונדערטער טעלעפאָניסטקעס, זיי באַווייזן אָפט ניט צו באַפרידיקן אַלע אַבאָנענטן, זיי מידן זיך אײַן, מאַכן טײַלמאָל טעותים אין דער אַרבעט. אין דער אויטאָמאַטישער טעלעפאָן־סטאַנציע דאַרף מען ניט קיין טעלעפאָניסטקעס. דאָרט אַרבעטן קליינע לײַכטע עלעקטרישע אַפּאַראַטן, זיי אַרבעטן גיכער און פּינקטלעכער פון די בעסטע טעלעפאָניסטקעס, זיי ווערן קיינמאָל ניט מיד, מאַכן קיינמאָל קיין טעותים ניט.

אָט אַזאַ איז דער לאַנגער און אינטערעסאַנטער וועג, וואָס דער טעלעפאָן האָט דורכגעמאַכט, אָנהויבנדיק פון בעל ביז דער אויטאָמאַטישער טעלעפאָן־סטאַנציע.

די געשיכטע פון טעלעגראַף

דער טעלעגראַף, דאָס איבערגעבן סיגנאַלן אויף א ווייטער שטרעקע אין זייער א קורצן טערמין, איז שוין געווען באַוווּסט אַפילו נאָך אין די אַלטע צייטן.

מיט הונדערטער יאָרן פאַר אונדזער צייטרעכענונג, איז שוין דער טעלעגראַף געווען באַוווּסט די גריכן. אָבער ניט בלויז די דעמאָלט געבילדעטע און באַגאַבטע גריכן האָבן געוווּסט פון טעלעגראַף, נאָר אַפילו די ווילדע אַפריקאַנישע פעלקער האָבן שוין אין די גאָר פריסטע צייטן געהאַט זייער טעלעגראַף, עפּעס, זייער א פרימיטיוון טעלעגראַף, א „גאָרגל־טעלעגראַף". אויף באַשטימטע שטרעקעס זיינען צעשטעלט געוואָרן מענטשן, וואָס האָבן איינער דעם אַנדערן דורך געשרייען איבערגעגעבן פאַרשיידענע ידיעות. צו אַזא „טעלעגראַף" האָט מען געדאַרפט בלויז האָבן א געזונטן גאָרגל און געזונטע לונגען. די אָפּגעשטאַנענע פעלקער פלעגן איבערגעבן סיגנאַלן דורך אָנצינדן שייטערס.

אין כאָפּ 18־טן יאָרהונדערט האָט מען זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט א לייכט־טעלעגראַף. וואָס איז דער־

פינדנ געוואָרנ דורכנ פראנצויזישנ דערפינדער שאפ. אפ יעדע צענ קילאָמעטער זײַנענ געווענ צעשטעלט אזעלכע סטאנציעס. דער טעלעגראפ איז באשטאנענ פונ א מאסט־בוים, אונ אינדערהייכ א קווער־באלקנ. פונ געבײַדע האָט די לופט דעמ באלקנ געבראכט אינ באוועגונג אינ דער נויטיקער ריכטונג. יעדע באוועגונג פונעמ באלקנ האָט איבערגעגעבנ א באשטימטנ צייכנ. איינער פלעגט שטיינ אונ קוקנ מיט א קוק־טרויב צו דער שכײנישער סטאנציע, זעענ, וואָס פאר א צייכנס מע גיט. ער פלעגט זאָגנ די צייכנס דעמ, וואָס האָט רעגולירט דעמ באלקנ. אזוי פלעגנ די צייכנס ווידער איבערגעגעבנ ווערנ דער ווײַטערדיקער סטאנציע.

אינ אָנהייב 19־טנ יאָרהונדערט האָט מענ דאָס ערשטע מאָל אָנגעהויבנ אָנווענדנ עלעקטריציטעט אינ טעלע־גראפ. אינ 1809־טנ יאָר האָט דאָקטער זימערלינג דער־פונדנ א טעלעגראפ, וואָס איז באשטאנענ פונ 35 גלעזער מיט וואסער. יעדע גלאָז האָט געהאט איר בוכשטאב אונ צייכנ. יעדע גלאָז איז געווענ פארבינדנ מיט א דראָט צו דער סטאנציע. אונטער דער ווירקונג פונ עלעקטרישנ שטראָמ צעלייגט זיכ דאָס וואסער אפ זויער־שטאָפ אונ וואסערשטאָפ אונ עס באווײַזנ זיכ בלעזע־לעכ. דער טעלעגראפיסט, באמערקנדיק בלעזלעכ אינ גלאָז, פלעגט פארשרײַבנ דעמ בוכשטאב אָדער צייכנ פונ גלאָז, אפ וועלכער עס האָט זיכ באוויזנ דאָס בלעזל.

אזוי, אז אַמ צו באַקומען און צוריק איבערציגעבן טעלעגראַפישע סיגנאַלן האָט מען געדאַרפט ציִען 70 דראָטן.

אין 1832־טן יאָר האָט שוין דער רוסישער דערפינדער שילינג דערפונדן א טעלעגראַף בלויז מיט צוויי דראָטן. שילינגס טעלעגראַף האָט איבערגעגעבן צייכנס דורך פינף מאַגניט־נאָדלען, וואָס פלעגן אונטער דער ווירקונג פון עלעקטרישן שטראָם זיך באַוועגן אין פאַרשיידענע ריכטונגען.

אין 1838־טן יאָר האָט דער דײַטשישער פּראָפעסאָר שטיינגעל דערפונדן, אַז מע קאָן זיך באַנוגענען בלויז מיט איין דראָט אַפ איבערצוגעבן סיגנאַלן פון איין סטאַנציע צו דער אַנדערער.

אזוי איז צוגעגרייט געוואָרן א באָדן פאַר דער דערפינדונג פונעם גרויסן אַמעריקאַנער דערפינדער סאַמועל מאָרזע, וואָס האָט דערפונדן דעם עלעקטראָמאַגניט־טעלעגראַף, וועלכער איז שוין אַלט קימאַט 100 יאָר.

א קינסטלער א דערפינדער

סאַמועל מאָרזע איז געבוירן געוואָרן אין 1791־טן יאָר. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסע פיייקייטן. צו פופצן יאָר האָט ער שוין געלערנט אין א טעכנישער הויכשול. דער יונגער סאַמועל האָט אָבער אויך געהאַט גרויסע פיייקייטן צו מאָלערײַ און נאָכן ענדיקן די טעכ-

ניטע הויכשול איז ער געוואָרן א מאָלער. ער איז גע־
וואָרן זייער באַרימט אַלס קינסטלער, און ער איז
באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפירער פון דער אמעריקאנער
קונסט־אַקאַדעמיע.

מאָרזע דער קינסטלער איז אָבער פאַרגעסן געוואָרן
און מאָרזע דער דערפינדער פון טעלעגראַף וועט איי־
ביק לעבן אין דער געשיכטע.

איינמאָל, פאָרנדיק אַף א שיף, האָט ער געזען, ווי א
צווייטער אמעריקאנער באַווייזט די פּאַסאַזשירן אַן עלעק־
טראָמאַגנעט און דערציילט זיי וועגן די פרוון, וואָס ווערן
אין פּאַריז דורכגעפירט איבער עלעקטריציטעט.

נאָך אין הויכשול האָט מאָרזע געטראַכט וועגן דעם,
אַז מע קאָן אויסנוצן עלעקטרע אַף איבערגעבן ידיעות
אַף א ווייטער שטרעקע. איצט האָט בא אים אָט דער
געדאַנק אויפגעוואַכט מיט א פרישער קראַפט: מע דאַרף
צווינגען דעם עלעקטרישן שטראָם צו ווירקן אַפן עלעק־
טראָמאַגנעט, האָט ער געטראַכט. דערביַ קאָן מען ניט
בלויז איבערגעבן ידיעות, נאָר זיי אַפילע פאַרשרייַבן.

און אַז מאָרזע איז אַראָפּגעגאַנגען פון שיף, האָט ער
שוין געהאַט צונויפגעשטעלט דעם ערשטן פּלאַן פון זייַן
שפּעטערדיקער דערפינדונג און אַן איפגערעגטער האָט
ער זיך געווענדעט צום שיפקאַפּיטאַן:

— אויב איר ווילט, קאַפּיטאַן, אמאָל דערהערן, אַז
ס'איז דערפונדן געוואָרן אַן עלעקטראָמאַגנעטישער מע־

לעגראַף, זאָלט איר וויסן, אַז די אידייע פון אָט דעם טעלעגראַף איז געבוירן געוואָרן אַן אײַער שיף.

מאָרזע האָט פאַרלאָזט די מאָלערײַ, ער האָט זיך אָפּ- געזאָגט פון ערנטיטל פּרעזידענט פון אַקאַדעמיע, וואָס האָט אים געגעבן אַ סאַך קאָוועד און געלט, און ער האָט זיך געשטעלט אַן אויפגאַבע צו דערפינדן אַן עלעקטרישן טעלעגראַף.

ענדלעך איז דער אַפּאַראַט געווען פאַרטיק: אַ פעדער־ צוגעפעסטיקט צום אַנקער פון עלעקטראָמאַגניט, האָט גע־ צייכנט אויף פּאַפּיר, וואָס האָט זיך באַוועגט, לאַנגע און קורצע שטריכלעך און פּינטעלעך די באַדינג-צייכנס פון מאָרזעס אַלפאַוויט.

מאָרזע האָט פאָרגעלייגט דער אַמעריקאַנער רעגירונג און פאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטן זיי זאָלן אָפּקויפן זײַן דערפינדונג, נאָר אַלע פלעגן לויבן די דערפינדונג זײַנע, אָבער אָפּקויפן האָט זי קיינער ניט געוואָלט.

דער גרויסער דערפינדער האָט זיך געפונען אין דער גרעסטער נויט און ס'זײַנען געווען טעג, וואָס ער האָט ניט געהאַט וואָס צו עסן. נאָר ער האָט אַקשאָנעסדיק ווײַטער געאַרבעט אַף צו פאַרפולקומען זײַן אַפּאַראַט. ער האָט ניט גע־ האַט קײַן געלט צו קויפן די מאַטעריאַלן און אים פלעגט אויס־ קומען אַליין צו מאַכן אַלע טיילן פון מעכאַניזם.

אַזוי זײַנען געגאַנגען די יאָרן אין נויט און פּײַן, אָבער מער פאַר אַלץ האָט ער געליטן, וואָס זײַן דער־

פֿינדונג, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן זײַן. אַנצ לעבן, און וועלכע קען ברענגען אויפֿיל נוצן דער מענטשהייט, ליגט אין שימלט, ווערט פֿון קיינעם ניט אויסגענוצט.

מאָרזעס לעצטע טעלעגראַמע...

ערשט אין 1840־טן יאָר האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג אָפּגעקויפֿט זײַן דערפֿינדונג. אין עטלעכע יאָר אַרום איז דער טעלעגראַף פֿאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט. אַסאַך קאַפּיטאַליסטן האָבן פֿאַרדינט באַם טעלעגראַף גרייסע קאַפּיטאַלן, נאָר מאָרזע האָט אַלץ געלעבט אין גרויס נויט. דאָס האָט בײַ אים אָבער ניט אָפּגענומען דעם מוט. ער אַרבעט איצט אַף צו שאַפֿן אַ טעלעגראַף, וואָס זאָל איבערגעבן אַף גאָר אַ ווײַטער שטרעקע, און אַרבעט איבער די פּרוּוונג צו לייגן אַ קאַבעל אונטערן וואַסער, קעדיי אַזוי אַרום פֿאַרבינדן אַמעריקע מיט אייראָפּע, מע זאָל זיך קאָנען צונויפֿריידן פֿון ביידע מאַטעריקן.

ערשט צום סאָף פֿון זײַן לעבן האָבן פֿאַר אים אָפּגעשײַנט העלערע טעג. אין 1871־טן יאָר איז מיט גרויס פֿײַערלעכקײַט דורכגעפֿירט געוואָרן זײַן 80־יאָריקער יובילײ. דער טעלעגראַף איז שוין דעמאָלט געווען פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אינעם ריזיקן זאַל,

ווו עס האָבנ זיכ צונויפגעזאמלט זײַנע פארערער, אין
ארופ אפ דער סצענע א גרײַזגרויער זאָקנ מיט א הויכנ
שטערנ אונ מיט ליכטיקע אויגנ. ער איז צוגעגאנגענ
צום טיש, א קוועטש געטאָנ אינ די קלאַווישנ פונ זײַנ
ערשטנ אפאראט אונ מיט א ציטערדיקער האנט צומ
לעצטנ מאָל אינ זײַנ לעבנ געשיקט דער גאנצער וועלט
א באגריסונג־טעלעגראמ.

אונ פונ אלע ווינקעלעכ פונעמ ערד־קײַלעכ, פונ אַלע
לענדער האָט זיכ א שאָט געטאָנ אנ ענטפער פונ הייסע
באגריסונג־טעלעגראמענ.

אינ א יאָר ארומ, דעמ 2־טנ אפרעל 1872־טנ יאָר
איז סאמועל מאָרזע געשטאָרבנ.

פונ מאָרזע ביז דעלאַני

מאָרזעס אפאראט איז אינ אָנהויב געווענ אומגעלומ־
פערט גרויס אונ זייער ניט פולקומ. בלויז די עלע־
קטראָמאגניטנ אינ די טעלעגראפ־אפאראטנ האָבנ געווויגנ
ביז זעקס פונט. איצט וועגנ זיי ניט מער, ווי עטלעכע גראמ.
מאָרזעס אפאראט איז קעסיידער פארפולקומט געוואָרנ.

מאָרזעס אפאראט האָט געהאט די מײַלע, וואָס ער
איז געווענ זייער איינפאכ געמאכט. דערפאר האָט ער
אָבער א כיסאָרנ, וואָס ער גיט איבער זייער לאנגזאמ.
אפ איבערצוגעבנ בלויז א קאָמע, דארפ מענ, לוי. מאָר־

וועס אפּאראַט, 6 מאָל אָנקיוועטשן אַפּן שליסל און מאַכן 6 צייכנס. כוצדעם קאָן מען נים די טעלעגראַמע גלייך איבערגעבן דעם אדרעסאַט, ווייל דער אדרעסאַט וועט די צייכנס נים פאַרשטיין, און מע דאַרף ערשט די צייכנס איבערזעצן אַף אַ פאַרשטענדלעכער שפּראַך. מאַכמעס דעם אַלעם קאָן מען אַף מאָרזעס אַפּאַראַט איבערגעבן בלויז עפּעס מער פון 10 ווערטער אין אַ מינוט. אזעלכע טעכפּן זיינען שוין געווען צו לאַנגזאַמע אפילע אין יענע צייטן, און עס האָבן זיך באַווייזן די אַפּאַראַטן פון די דערפינדערס יוז און באָדאָ. די־ראָזיקע אַפּאַראַטן דרוקן די טעלעגראַמעס מים דרוקער־ריי־שריפט. אזא טעלעגראַפישע לענטע קאָן מען גלייך ארופקלעפּן אַף אַ בלאַנק און איבערגעבן דעם אדרעסאַט. יוזס אַפּאַראַט קאָן איבערגעבן ביז 30 ווערטער אַ מינוט. דאָס איז נאָך אויך זייער לאַנגזאַם.

באָדאָס אַפּאַראַט גיט 120־180 ווערטער אַ מינוט; דאָס איז שוין אַ גישקאַשעדיקע גיכקייט.

דער טאַלאַנטפול ר דערפינדער אויטסטאַג האָט געמאַכט אַן אַפּאַראַט, וואָס גיט איבער 600 ווערטער אַ מינוט. נאָר דעלאַניס עלעקטראָכימישער אַפּאַראַט אַריבעט נאָך צוויי מאָל גיכער. ער גיט איבער אין אַ מינוט 1200 ווערטער!

דערדאָזיקער גיך־דרוקנדיקער אַפּאַראַט ווערט אָבער נים באַנוצט. אפילע די איצטיקע טעכניק, וואָס אַלץ

איז איר צו ווייניק; קאָן ניט אָנגעבן אוא גיכקייט, ווייל באַם מינדסטן אָפּהאַלט וועט דער טעלעגראַף פאַר־שטאָפּט ווערן מיט גאַנצע בערג טעלעגראַמע־לענטעס, און דער טעלעגראַפיסט וועט זיך ניט קענען קיין אייצה געבן.

דער זעלבער ערשטער און דער זעלבער לעצטער טע־לעגראַף־אַפּאַראַט האָבן איין מאָל, ביידע זיינען זיי עלעקטראָכימישע. דער ערשטער אַפּאַראַט — זימערלינגס — ווערט איצט ניט באַנוצט, ווייל ער אַרבעט צו לאַנג־זאַם. דער לעצטער אַפּאַראַט—דילאַניס — ווערט ניט באַ־נוצט, ווייל ער אַרבעט צו גיך.

דער ערשטער טעלעגראַף-קאַבעל דורכן אָקעאַן

דעם 6־טן אויגוסט 1857־טן יאָר איז א פלאָטיליע שיפן לאַנגזאַם אָפּגעשווומען פון די ברעגן פון איר־לאַנד. נאַטשאַלניק פון דער פלאָטיליע איז געווען דער דרייסטער און ענערגישער אַמעריקאַנער פילד.

די פלאָטיליע איז געשוומען קיין אַמעריקע. די שיפן זיינען געווען אָנגעלאָדן מיט טעלעגראַף־קאַבעלן, אַרומגעוויקלט אַף ריזיקע ראָלן. אַט דעם קאַבעל האָט מען געדאַרפט אויסשפּרייטן אַפן גרונט פון אָקעאַן און אַזוי אַרום פאַרבינדן ביידע מאַטעריקן — מע זאָל קאָ־נען ריידן פון אייראָפּע און אַמעריקע.

רינגענווײַז האָט זיך דער קאַבעל געקײַקלט פֿון די ראָלן און זיך אַראָפּגעלאָזט אין אָקעאַן. פּלוצים האָט אַ האַרמאַטן־שאָס צעווויסן געטאָן, אַז ס'איז געשען אַן אומגליק: דער קאַבעל האָט זיך איבערגעריסן.

צוויי טעג האָט געדויערט ביז מע האָט צוריק פֿאַרייניקט דעם צעריסענעם קאַבעל. און די אַרבעט האָט זיך צוריק אָנגעהויבן. איבערן פֿריש־געלייגטן קאַבעל אויפֿן גרונט פֿון אָקעאַן, האָט די שיף קעסיידער איבערגעגעבן טעלעגראַמעס קײַן אייראָפּע וועגן גאַנג פֿון דער אַרבעט. אין משך פֿון פֿינף טעג זײַנען פֿאַרלייגט געוואָרן אויפֿן אָקעאַן 500 קילאָמעטער קאַבעל.

פּלוצים האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ שטורעם־ווינט, און דער קאַבעל האָט זיך ווידער איבערגעריסן. מע האָט אַ שטריק אַראָפּגעלאָזט אין אָקעאַן אײַזערנע האַקנס, נאָר מע האָט דעם קאַבעל ניט געפֿונען, און די שיפֿן האָבן זיך צוריק אומגעקערט קײַן אירלאַנד.

פֿילדס צווייטע עקספּעדיציע

אין אַ יאָר אַרום, אין פֿרילינג 1858, זײַנען זיך צוויי שיפֿן צונויפֿגעקומען אינמיטן אָקעאַן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אָנהייבן לייגן דעם קאַבעל ניט פֿון די ברעגן אָקעאַן, נאָר פֿון דערמיט און זיך צוציִען ביז די ברעגן פֿון די מאַטעריקן. צונויפֿבינדנדיק די קאַבעל־

עקן, האָבן זיך ביידע שיפן אָנגעהויבן דערווײַטערן
איינע פון דער אנדערער.

פלוצים האָט זיך ווידער איבערגעריסן דער קאַבעל
און פאַרשווּנדן געוואָרן אין די שטורעמדיקע כוואַ־
ליעס פון אָקעאַן.

און ווידער זײַנען זיך די שיפן צונויפגעקומען, קע־
דײַ צוריק צו פאַרייניקן ביידע קאַבעל־עקן.

און ווידער שווימען ביידע שיפן צו צוויי באַזונדע־
רע אָקעאַן־ברעגן. אָט באַווײַזט זיך א וואַלפיש. בא
די מאַטראָסן ווערט פאַרציטערט דאָס האַרץ. ערשט ניט
לאַנג האָט אזא וואַלפיש איבערגעריסן דעם קאַבעל.
נאָר דער וואַלפיש איז גיך פאַרשווּנדן, און אַלע האָבן
פרײַ אָפּגעאָטעמט. באַלד איז אָבער ווידער געוואָרן
אומרויִק אַפן שיף. אַפן קאַבעל, וואָס האָט זיך אײַנ־
גיכן געדאַרפט אַראָפּלאָזן אין וואַסער, האָט מען באַ־
מערקט א קאַליעדיק אָרט. אין 20 מינוט אַרום האָט
שוין אָט דער קאַליעדיקער קאַבעל געדאַרפט פאַרשווינדן
אין די כוואַליעס, און מען טאָר דאָס ניט דערלאָזן,
אויב ניט, איז אומזיסט די גאַנצע אַרבעט, וואָס מע
האָט ביז איצט געטאָן. די מאַטראָסן האָבן זיך גיך גע־
נומען צו דער אַרבעט, אַראָפּגעהאַקט דאָס קאַליעדיקע
שטיקל און גענומען דעם קאַבעל גיך צונויפלייטן. דער
קאַבעל קײַקלט זיך גיך אין די כוואַליעס, צי וועלן די
יאַם־לײַט באַווײַזן באַצײַטנס צונויפלייטן אים? נאָר אָט

אין די אַרבעט באַצײַטנס געענדיקט און אַ פֿרייד־געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אַלעמענס העלדזער.

אָט אַזעלכע שוועריקייטן און שטערונגען זײַנען געווען די גאַנצע צײַט.

דעם 5־טן אויגוסט 1858 איז די אַרבעט געווען פֿאַרענדיקט. איין שיף איז צוגעשוווּמען צו די ברעגן פֿון אַמעריקע. די צווייטע — צו די ברעגן פֿון ענגלאַנד. דידאָזיקע ידיעה, אַז ס'איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ טעלעגראַפֿישע פֿאַרבינדונג צווישן ביידע וועלטטיילן, האָט בײַ אַלעמען אַרויסגערופֿן אַ גרויסע פֿרייד און באַגײַסטערונג.

און פּלוצים — אַ פֿרישע צרה, דער קאַבעל האָט אויפֿגעהערט אַרבעטן.

פֿילד האָט אָבער ניט פֿאַרלוירן דעם מוט און זיך גענומען צונויפֿשטעלן אַ צווייטע עקספּעדיציע. 64 מאָל איז ער איבערגעשוווּמען דעם אָקעאַן, זוכנדיק מענטשן מיט געלט, וואָס זאָלן זיך פֿאַרינטערעסירן מיט דערדאָזיקער אונטערנעמונג. ער האָט נאָכאַמאָל אָרגאַניזירט אַן אויספֿאָרשונג פֿונעם גרונט פֿון אָקעאַן, דאָרט, וווּ ער האָט געזאָלט נאָכאַמאָל פֿאַרלייגן דעם קאַבעל. ער האָט באַשטעלט קאַבעל פֿון אַ פֿאַרפֿולקומטן טיפּ, צוגעטראַכט אַ נײַ מיטל, ווי אַזוי צו וויקלען דעם קאַבעל. ער האָט פֿאָרגעזען די מינדסטע קלייניקייט. דאָס אַלץ האָט געדויערט זיבן יאָר.

דער קאַמף מיט די כוואַליעס

דעם 23-טן יולי 1865-טן יאָר האָט ער זיך ווידער געלאָזט איבערן אָקעאַן אַף דער גרעסטער שיף אין יענער צייט. אַף דער שיף איז מיטגעפאָרן דער באַרימ-טער ענגלישער פיזיקער וויליאם טאָמסאָן, וואָס איז שוין אַלס צעניאָריק יינגל געווען אַ סטודענט, און צו 22 יאָר — אַ פּראָפעסאָר.

אַז מע האָט שוין געהאַט דורכגעלייגט אַנדערהאַלבן טויזנט קילאָמעטער קאַבעל, האָט מען ווידער באַמערקט אַ קאַליעדיקע שטיק קאַבעל און ס'איז אויסגעקומען צו-ריק אַרופצוציען די גאַנצע אַנדערהאַלבן טויזנט קי-לאָמעטער קאַבעל, וואָס זיינען געלעגן אַף אַ טיפקייט פון צוויי קילאָמעטער. די מאַשין אַף דער שיף האָט ניט אויסגעהאַלטן די שווערקייט פון אָט דער מאַסע און זי איז געבליבן שטיין. די ווינטן און כוואַליעס האָבן אַ טרייב געטאָן די שיף פון אָרט, דער קאַבעל האָט זיך אָנגעצויגן און זיך איבערגעריסן. מע האָט אַלעמאָל אַראָפּגעלאָזט האַקנס, כדי אָפּצוכאַפּן באַם אָקעאַן דעם טייערן פאַנג; אָט פלעגט זיך שוין דעם האַקן איינגעבן אָנצוכאַפּן דעם קאַבעל, פלעגט זיך איבעררייסן דער שטריק און דער האַקן פלעגט פאַרשווינדן אין טיפעניש פון אָקעאַן. אַפן שיף פלעגט מען האַלטן אין איין שמידן נייע אַנקערס און האַקנס, אינגיכן איז שוין אַפן שיף

ניט געבליבן קיין איין שטיקל אייזן אפֿ צו מאכן א
האק, און די שיף האט געמוזט צוריק שווימען קיין
ענגלאנד.

צום דריטן מאל איבערן אָקעאן

נאָך פֿילד האָט אַלץ ניט פֿאַרלוירן די האָפֿענונג צו
פֿאַרבינדן ביידע מאַטעריקן, און אין א יאָר אַרום, דעם
ד־טן יונ 1866־טן יאָר האָט ער אַלץ אָנגעהויבן פֿונדאַס־
ניי און ווידער זיך געלאָזט שווימען אַפּ צו פֿאַרלייגן
אַן אינטערוואַסער־קאַבעל ביז די ברעגן פֿון אַמעריקע.

די מענטשן פֿון דער עקספּעדיציע זיינען געווען
פֿאַרהאַרטעוועטע, אויסגעפּרוווטע, רייך מיט דערפֿאַרונג.
זיי האָבן געגלייבט, אַז זייער אַרבעט וועט זיך ענדיקן
מיט דערפֿאָלג.

דאָס מאָל איז די אַרבעט געגאַנגען אָן פּאַסירונגען.
עבעס, אין די לעצטע טאָגן האָט זיך באַוויזן אַ ריי־
זיקער אייזבאַרג, וואָס האָט ווידער געקאָנט מאַכן צו
ניטש זייער גאַנצע אַרבעט, נאָר צום גליק האָט דער
שטראָם פֿאַרטראָגן דעם אייזבאַרג אין אַ זייט.

אינגיכן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן די סי־
לועטן פֿון אַמעריקאַנער ברעג.

אין יונג כוודעש, אין א ליכטיקן פֿרימאָרגן, איז די
שיף אַריין אין דער בוכטע פֿון ניו־פֿאונדלענדער

אינדזל. דאָס קליינע שטעטל איז געווען באַצירט מיט פאָנען לעקאָוועד די געהייבענע געסט. עס האָבן פייערלעך געדונערט האַרמאַטן־שאָסן, און אַלע איינוווינער זיינען געקומען צום ברעג באַגעגענען די שיף, וואָס האָט זיי פאַרבונדן מיט אַ צווייטער וועלט. ניו־פאונדלענד איז שוין דעמאָלט געווען פאַרבונדן דורך אַן אונטערוואַסער־קאַבעל מיט אַמעריקע.

מע האָט אַרויסגעשלעפּט די עקן פון קאַבעל אויפן ברעג, פאַרייניקט אים צו דער טעלעגראַף־סטאַנציע, און ביידע מאַטעריקן, וואָס זיינען אָפּגעטיילט געווען דורך 4 טויזנט קילאָמעטער, זיינען פאַרייניקט געוואָרן. דער עלעקטרישער שטראָם האָט זיי געמאַכט נאָענט, און אייראָפּע מיט אַמעריקע האָבן זיך געקאָנט אָנהייבן דורכריידן איינער מיטן אַנדערן.

מאָרזעס אַלעפֿבייז

צייכנס פֿאַר אותיות

צייכנס פֿאַר אותיות

צייכנס פֿאַר ציפֿער

אינהאלט:

וויאזוי איז געשאפן געווארן דער טעלעפאן

פארשטעלונגען אַ צייט שוין . . . .
א טעלעפאן נאך מיט פינף יאר צוריק . . . .
צווישן קאבינעט און גארטן . . . .
צי קאן מען רעדן פון ווייט קיין פאריז? . . . .
די לאבאראטאריע אין קעלער . . . .
דער אומגליקלעכער מאנדרעס . . . .
דער גליקלעכער טאג . . . .
דער טעלעפאן רעדט, ווען טעלעפאן שווייגט מען . . . .
דער קעניג האט זיך דערשראקן . . . .
ווייס שטערנמייער . . . . .
די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פונעם טעלעפאן . . . .

די געשיכטע פון טעלעגראף

א קינסטלער א דערפינדער . . . .
מארזעס לעצטע טעלעגראמע . . . . . .
פון מארזע ביז דעלאני 26
דער ערשטער טעלעגראם-קאבעל דורכן אקעאן 28
פילדס צווייטע עקספעדיציע 29
דער קאמף מיט די כוואליעס 32
צום דריטן מאל איבערן אקעאן 33
מארזעס אלפאבעט 35

פרייז 25 קאפ.

Єврейськ. мовою:

Інж. Еромицький

Телефон і телеграф.

На еврейск. языке:

Инж. Еромицкий

Телефон и телеграф.

Державне Видавництво національних меншостей при Президії ЦВК УСРР

Printed in Soviet Union